הנוער העובד חלוצים יאריד (מאָרגן) שבת און זונטאג סעפטעמבער 26טן און 27טן אין ציון זאל מציאות טענץ און פארוויילונג פאר יונג און אלט קומט!

זון אויפגאנג — 6.17
זון אונטערגאנג — 6.22

די איינציקע אידישע צייטונג
אין מערב קאנאדע
עטאבלירט אין 1910
דערשיינט
יעדן טאג

דאס
אידישע ווארט
THE GATEWAY OF THE WEST
THE ISRAELITE PRESS

וועטער:
ניט באשטימט, רעגן

The Only Jewish
Newspaper in
Western Canada
Established 1910
PUBLISHED
DAILY

Vol. 21, No. 215. Friday Sept. 25, 1931.
Published Daily except Saturday and Sunday. דערשיינט יעדן טאג חוץ שבת און זונטאג
פרייטאג יד' תשרי, תרצ"ב.

THE NEW YORK
PUBLIC LIBRARY
SEP 30
ASTOR, LENOX AND
TILDEN FOUNDATIONS

אנב-אורחא

פון מארק

אונזער מלוכה און א מלך

איך טראכט זיך אן אנדערש מאל, אז פונם נאציאנאלן שטאנדפונקט איז פאר אידן געווען א גליק וואס זיי האבן פארלארן זייער מלוכה.

וואלט טיטוס ניט געמאכט קיין סוף צו דער אידישער מלוכה, וואלט דער סוף אלצאיינס געמוזט קומען אינם משך פון דער געשיכטע. — דאס איז געווען דער סוף פון אלע דאן עקזיסטירנדיקע מלוכות, אפילו פון רוים אליין.

און וואס לענגער די אידן וואלטן געפירט א מלוכה לעבן, אלץ ווייניקער וואלטן זיי פארבליבן אידן, און צום סוף וואלטן זיי שוין פון לאנג פארשוואונדן געווארן ווי א פאלק.

האבן מיר אבער פארלארן די מלוכה, און דאס פאלק האט מער ניט געהאט קיין רעגירונג פון וועמען געפירט צו ווערן דורך מאכט אין די אפגרינטן פון דער געשיכטע, און קיין רעגירונג אויף וועמען צו פארלאזן זיך.

האט דער אידישער יחיד דערפילט, אז ער אליין טראגט אויף זיך די אחריות פאר זיין אייגענעם וואוילזיין און פאר דער עקזיסטענץ פון זיין פאלק. — אז "כל ישראל ערבים זה בזה", יעדער איד איז פאראנטווארטלאך איינער פאר'ן צווייטן.

און אט דער אנטוויקלטער געפיל פון געזעלשאפטלאכער אחריות האט פארהיט אונזער קיום דורך לאנגע דורות פון ליידן. ער האט אונז באשיצט פון אונטערגאנג בעסער, ווי דאס וואלטן געקאנט טאן די מעכטיקסטע רעגירונגען מיטן כח פון זייערע לעגיאנען.

* * *

ביי אנדערע פעלקער אין גלות אנטוויקלט זיך אויך אט דער געפיל פון געזעלשאפטלאכער אחריות [illegible] און זעלבסטטעטיקייט.

אט וועט, למשל, דער דורכשניטלאכער דייטש אין דייטשלאנד קיינמאל ניט זארגן זיך פאר א דייטשער שול פאר זיינע קינדער: דערמיט איז די מלוכה מחויב אים צו פארזארגן. דא אין אמעריקע (איינשליסנדיק קאנאדע) איז עס ניט קיין נייעס, אז דייטשן זאלן בויען זייערע אייגענע שולן.

דער דאזיקער געפיל פון אחריות און זעלבסטטעטיקייט איז ביי די אוקראינער דא שטארקער אנטוויקלט ווי ביי די דייטשן, ווייל זיי האבן א היבש ביסל פון דעם געפיל געבראכט מיט זיך פון זייערע אלטע היימען, וואו זייערע מלוכות זיינען פאר זיי געווען שטיף־מאמעס.

אבער נאך שטארקער איז דער געפיל אנטוויקלט ביי די אידן, די גערודפ'סטע, דאס גלות־פאלק, "פאר עקסעלאנס".

דערפאר פארמאגן די דייטשן [illegible] דא דעם שוואכסטן ווידערשטאנד קעגן אסימילאציע; די אוקראינער האלטן זיך נאציאנאל פעסטער ווי די דייטשן, און די אידן זיינען דאס עלטסטע און הארטסטע פלייש פאר'ן שמעלץ־טאפ צו צעקאכן.

* * *

אוודאי ליידן מיר זייער פיל פון אונזער מלוכה'לאזיקייט אין אונזער נאציאנאלן לעבן, פון דער אומארגאניזירטקייט און צעשפליטערטקייט פון אונזער לעבן, וואס נעמט זייער אפט אן די פארמען אדער די פארמלאזיקייטן פון הפקרות.

אבער אויך גרויסע געווינסן מאכן מיר לגבי אנדערע פעלקער. מיר טוען אויף זאכן, פון וועלכע אנדערע טראכטן אפילו ניט, כאטש, אן דער שטיצע פון א מלוכה, קומען זיי אונז אן זייער שווער.

און גרויס זיינען די זאכן באזונדערס דערפאר טאקע, וואס זיי ווערן דערגרייכט דורך זעלבסט־טעטיקייט פון די מאסן, און זיי זיינען דער אויסדרוק פון דער גייסטיקער דערהויבונג פון די מאסן.

* * *

אט טאקע אונזער אייגענער אידישער דערציאונגס סיסטעם דא אין לאנד, ווי ארים ער זאל ניט זיין.

אבער דאך איז ער א דערגענצונג צו דער רייכער דערציאונגס סיסטעם פון לאנד, דער איינציקער, פון וועלכן אונזערע מיטבירגער געניסן.

אונזערע קינדער קריגן דערוייל מער, ווי די ניט־אידישע, און אפט, ווי אינם פאל פון די בעסערע שולן, טאקע אזעלכע זאכן וואס זיינען נייטיק פאר דער דערציאונג פון קינדער, און די אלגעמיינע שול גיט עס ניט.

האבן מיר דא אזוי דערוייל ביי אונז אין וויניפעג און אין אנדערע שטעט

(שלוס אויף זייט 5)

אפעלירט צו אידן צו שיקן פעקלאך קיין רוסלאנד

ליבאוויטשער רבי לאזט ארויס רוף צו אלע אידן

ספעצ. טעלעג. צו ד. א. וו. פון "איטא"

ווארשע, סעפט. 25 (איטא).— א רוף ארויסגעלאזן פונם ליבאוויטשער רבי לכבוד ערב סוכות, פאדערט אויף די אידן פון דער גאנצער וועלט, און באזונדערס די אמעריקאנער אידן, אויסצונוצן די געלעגנהייט וואס די איבערשיקונג פון שפייזפעקלאך קיין סאוועט רוסלאנד איז איצט אזוי פארלייכטערט געווארן.

באשרייבנדיק די ליידן און הונגער פונם סאוועטישן אידנטום, אפעלירט דער ליבאוויטשער רבי צו שיקן פעקלאך כשר'ע שפייז צו זייערע קרובים אין סאוועט רוסלאנד.

יאפאן פארזיכערט, אז זי האט ניט געהאט קיין טעריטאריעלע אמביציעס אין מאנדזשוריע

טאקיא, סעפט. 25.— נאך א דרינגענדיקער זיצונג פונם קאבינעט, האט די יאפאנעזישע רעגירונג ארויסגעלאזן א קאמוניקאט אין וועלכן זי פארזיכערט, אז איר צוזאמענשטויס מיט כינע אין מאנדזשוריע איז ניט פאראורזאכט געווארן פון יאפאנס טעריטאריעלע אמביציעס.

די איינציקע אורזאך פארוואס יאפאנעזישע טרופן האבן אקופירט די סטראטעגישע פונקטן אין דער ליניע פון יאפאנס אייזנבאן אין מאנדזשוריע, דערקלערט די רעגירונג, איז געווען צו באשיצן די יאפאנעזישע איינוואוינער פון דעם געביט זיי זאלן קאנען אנגיין רואיק מיט זייערע באשעפטיקונגען.

די רעגירונג באשולדיקט כינע פאר מאכן דעם ערשטן פיינטלאכן ארויסטריט, און דערקלערט, אז "זי האט געמוזט האנדלען שנעל און באשיצן די הונדערטער טויזנטער יאפאנעזישע איינוואוינער פון דעם געגנט, כדי אויסצומיידן אן אומגליק."

יאפאן, פארזיכערט די רעגירונג, האט אין דעם געגנט געהאט בלויז 400, 10 סאלדאטן, בעת איבערן געגנט זיינען פארשפרייט 220 טויזנט כינעזישע סאלדאטן. די יאפאנעזער האבן דערפאר אנטוואפנט א טייל כינעזישע סאלדאטן, און די היטונג פון ארדענונג איז איבערגעגעבן געווארן צו לאקאלע ארגאניזאציעס, אונטער אויפזיכט פון יאפאנעזישע טרופן.

קריגט לייסנס צו פראקטיצירן געזעץ

ס. א. בערג, לל. ב. פראמינענטער תושב פון וויניפעג פאר איבער 30 יאר, און געוועזענער פרעזידענט פון דער תלמוד תורה, האט געקראגן זיין לייסענס פון מאניטאבא לאא סאסייטי נעכטן, און ער עפנט איצט אן אפיס צו פראקטיצירן געזעץ אין 103 באנאקארד בלאק.

מר. בערג איז געווען דער פרעזידענט און רעדאקציע פארוואלטער פון "וועסטערן דזשואיש ניוס" פאר די לעצטע פינף יאר.

אוונט קורסן ביי איד. ארב. קולטור קלוב

דער "אידישער ארבעטער קולטור קלוב", וועלכער איז ארגאניזירט געווארן פון די פאראיאריקע אוונט־שול קורסאנטן ביי דער י. ל. פרץ שול, עפנט איצט די רעגיסטראציע פאר די הייאריקע קורסן.

דער קלוב האט באשלאסן צו פארגרעסערן די צאל פון די לערנגעגנשטאנדן, אזוי אז ס'וועט געלערנט ווערן:

אידיש (שפראך און ליטעראטור), ענגליש, אידישע געשיכטע, קולטור געשיכטע, מאטעמאטיק און געשיכטע פון סאציאליסטישע באוועגונגען.

די אוונט קורסן וועלן אנגעפירט ווערן מיט דער מיטהילף פונם לערער־ראט ביי דער י. ל. פרץ שול און אין לאקאל פון דער פרץ שול.

די רעגיסטראציע פאנגט זיך אן מיט אן אלגעמיינער קורסאנטן פארזאמלונג, זונטאג, דעם 27טן סעפטעמבער, 3 בייטאג אין פרץ שול. אלע וואס ווילן באזוכן די קורסן ווערן געבעטן צו קומען און זיך גלייך פארערגיסטרירן.

מארגן אפגעלייגטע גיים

צוליב דעם רעגן לעצטן שבת, וועט די פינאלע גיים פאר דער "קאפ" צווישן "הנוער העובד" און דער "דזויטער פאן" ספארט טימס אויסגעקעמפט ווערן מארגן, 5 נ. מ., אויפ'ן מאניטאבא קאלעדזש פלאץ. אן אינטערעסאנטע גיים ווערט דערווארטעט.

טאם מור פארבלייבט פרעזידענט פון קאנ. אינטערנעשאנל יוניאנס

וואנקאווער, ב. ק., סעפט. 25.— צום 14טן מאל איז טאם מור דערוויילט געווארן פרעזידענט פון קאנאדער טריידס און לייבאר קאנגרעס, ביי דער 47טער יערלאכער קאנווענשאן פון דער קערפערשאפט אפגעהאלטן דא. ער איז געווען דער איינציקער קאנדידאט און איז דערוויילט געווארן "ביי אקלאמיישאן".

פאר פארזיצער פון דער מאניטאבער עקזעקוטיוו איז דערוויילט געווארן הערי קאמפסטער. די איבעריקע מיטגלידער פון דער עקזעקוטיוו וועלן דערוויילט ווערן אין מאניטאבא גופא.

דער קאנגרעס האט אנגענומען א גאנצע רייע רעזאלוציעס וועגן די יוניאן טעטיקייטן אין לאנד, און האט אויך אויסגעהערט א פראטעסט און פארדאמונג קעגן פרעמיער מאקדאנאלד און זיין רעגירונג פון א ברידערלאכן פארשטייער פון די בריטישע יוניאנס.

א רעזאלוציע פארגעשלאגן פארן קאנגרעס צו פארדאמען די בענעט רעגירונג פאר אירע אומפריינטלאכע באציאונגען צום סאוועטן פארבאנד איז דורכגעפאלן אויפן קאנגרעס.

"נאצים" סטראשען דייטשע אידן מיט בלוטיקער נקמה

אויפרייס פון פאסאזשיר צוג אין אונגארן פירט צו אנטיסעמיטישער פראפאגאנדע

"אידן וואלטן עס געטאן אין א טאג ווען אידן פארן ניט, ווי ראש השנה", זאגט די רעגירונג

(ספעציעלע טעלעגראמע צו "דאס אידישע ווארט" פון "איטא")

בודאפעסט, סעפט. 25 (איטא).— די דערקלערונג פון קריגס צושטאנד אין אונגארן זינט דעם אויפרייס פונם פאסאזשיר צוג אין וועלכן צענדליקער מענשן זיינען אומגעקומען, האט טיילווייז געפירט צו א פארשטארקטער אנטיסעמיטישער פראפאגאנדע אין לאנד, וועלכע די רעגירונג באמיט זיך איצט אפצושטעלן.

ביי די קרובים פון די קרבנות פון דעם אומגליק האט זיך א דאנק דער דאזיקער פראפאגאנדע אנטוויקלט דער גלויבן, אז דאס זיינען געווען אידישע קאמוניסטן וואס האבן געווארפן די באמבעס וועלכע האבן אויפגעריסן דעם צוג. דער דאזיקער גלויבן האלט זיך אין איין פארשטארקן, ניט געקוקט דערויף וואס די פאליציי באמיט זיך צו איבערצייגן דעם עולם, אז דאס איז ניט געווען קיין אידישע ארבעט.

אינטערעסאנט איז אבער דער ארגומענט פון דער פאליציי: אפילו אידישע קאמוניסטן, זאגט זי, וואלטן ארויסגעצייגט געוויסע נאציאנאלע סאלידאריטעט, און זיי וואלטן ניט דורכגעפירט דעם באמבען אויסברוך אין א טאג ווען אידן פארן אויף דער באן. זיי וואלטן אויסגעקליבן, באהויפטעט די פאליציי, אזא טאג, ווען אידן פארן ניט מיט דער באן, ווי ראש־השנה, למשל.

די פאליצייאישע ארגומענטן ווירקן אבער ווייניק, און די רעגירונג, מורא האבנדיק פאר מעגלאכע אויסברוכן, האט פארבאטן די אנטיסעמיטישע פראפאגאנדע אין פארבינדונג מיטן באן אומגליק, ווארנענדיק, אז זי וועט אונטערדריקן לויט די געזעצן פון קריגס צושטאנד.

היב. סיק. בענ. סאס. גרייט זיך צו יובילעי פייערונג

די היברו סיק בענעפיט סאסייטי, איינע פון די עלטסטע און גרעסטע אידישע ארגאניזאציעס אין וויניפעג, מאכט איצט גרויסע פארבארייטונגען צו דער פייערונג פון איר 25־יאריקן יובילעי, און א ספעציעלער קאמיטעט ארבעט אויס א רייכע פראגראם פאר דעם יום טוב וואס וועט געפייערט ווערן זונטאג, אקט. 25טן.

איינע פון די הויפט אונטערנעמונגען פונם טאג וועט זיין א גרויסער באנקעט אין גרויסן תלמוד־תורה זאל, צו וועלכן עס ווערן דערווארטעט ניט ווייניקער ווי טויזנט מענשן.

לכבוד דער פייערונג גיט די ארגאניזאציע ארויס א ביכל מיט דער געשיכטע פון דער היברו סיק בענעפיט סאסייטי און מיט באגריסונגען פון פארשיידענע פערזאנען, פאראיינען און אינסטיטוציעס וואס זיינען פון איר געשטיצט געווארן.

"מייד אין די וועסט" וואך פאנגט זיך אן מארגן

אין פארבינדונג מיט דער "מייד־אין־די־וועסט" וואך וואס פאנגט זיך אן מארגן און וועט פארגעזעצט ווערן פאר זיבן טעג צייט, האבן איבער דריי הונדערט קרעמער איבער גאנץ מאניטאבא צוגעשטימט צו באטייליקן זיך אין דעם קאמפיין.

סטארקיפערס און שאפקיפערס וועלן האבן ספעציעלע אויסשטעלונגען אין זייערע געשעפטן איבער דער גאנצער פראווינץ, אין איבער צוויי הונדערט צענטערן.

דער צוועק פון דעם קאמפיין איז נעענטער צו באקאנען די תושבים פון מערב קאנאדע מיט די געמאכטע פראדוקטן אין מערב קאנאדע, אז זיי זאלן קויפן די דאזיקע פראדוקטן און אויף אזא אופן העלפן האלטן די רעדער אין באוועגונג אין די מערב קאנאדער אינדוסטריעס.

בריוו-קאסטן

י. צימרינג. — מיר בשטעטיקן די קבלה פון די צוויי דאלאר פאר'ן בית־יתומים וואס איר האט צוגעשיקט אינם נאמען פון אייער פרוי. וועגן דעם טעות וואס איר דערמאנט ווייסן מיר.

אנאנימע בריוו צום צענטראל פאראיין סטראשען מיט אויפרייסן שולן און מארדן אידן און זייערע פאמיליעס

(ספעציעלע טעלעגראמע צו "דאס אידישע ווארט" פון "איטא")

בערלין, סעפט. 25 (איטא).— דער "צענטראל פאראיין פון דייטשן פון אידישן גלויבן" קריגט איצט א גאנצע רייע אנאנימע דראאונגס בריוו, וואו מען סטראשעט די אידן מיט שרעקלאכער נקמה דערפאר וואס א צאל נאצים זיינען פארורטיילט געווארן צו שווערע טורמע טערמינען פאר אטאקירן אידן ראש־השנה ביינאכט.

די בריוו סטראשען, אז די סינאגאגן וועלן אויפגעריסן ווערן מיט באמבעס; די אידישע הענדלער אויף קורפירשטענדאם וועלן באגאסן ווערן מיט קעראסין און פארברענט ווערן לעבעדיקערהייט; און די אידישע פאמיליעס וועלן געכאפט און געשלאגן ווערן, און זיי וועלן פארשפארט ווערן אין די קעלערן, ביז זיי וועלן דארטן אויסשטארבן.

אויסער די דראאונגס בריוו וואס דער צענטראל פאראיין קריגט אויף זיין אדרעס, קומען ענלאכע בריוו אן אויך צו אינדיווידועלע מיטגלידער פונם פאראיין.

דער צענטראל פאראיין האט איצט פארעפנטלאכט אן אפענעם בריוו צו דער רעגירונג, אנפרעגנדיק זי, פארוואס זי שטיצט ניט אקטיוו די שאפונג פון א קעגן־פראנט אנטקעגן דער נאציסטישער "קולטור" וועלכע דראעט דייטשלאנד מיט פארפלייצונג. אזא קעגן פראנט, דערקלערט דער פאראיין, איז באזונדערס נויטיק, ווייל די נאצים ווארטן אייגנטלאך אויף דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט פאר א נייעם אויסברוך.

געזעלשאפטלאכער קאלענדאר

פרייטאג, סעפטעמבער 25

עפנטל. פארזאמל. פאר קאמפיין פון אינד. נאדל יוניאן, אויפז. לינקע פוע"צ.

געמיינזאמע פארזאמל. פון פוע"צ 8.30 נ. מ. אין פאלקס שול. איינלייטונג און דעבאטן איבער קאנווענשאן פראבלעמען.

אהרן לעווין, וועגן "בענעטס בודזשעט" ביי איד. ארב. קולט. צענטער, 8.30 נ. מ. אין פרייהייט טעמפל.

מ. מענאכאווסקי און ה' טעפליצקי וועגן טרייד יוניאן פראבלעמען, 8.30 נ. מ. אין פרץ־אינסט. אויפזיכט לינקע פוע"צ.

זונטאג, סעפטעמבער 27

ברידזש ווייסט און טאנץ אין ת"ת זאל אויפזיכט פון פרויען פון קולטור פארב. און מוטער פאראיין פון ת"ת.

עפענונג פון רעגיסטראציע פאר אוונט קורסן פון איד. ארב. קולט. קלוב, ביי אלגעמ. קורסאנטן פארזאמ. 3 נ. מ. אין פרץ־אינסט.

אלגעמ. פארזאמ. פון מיטגלידער פון אשכנזי שול, 3 נ. מ. אין שול.

מאנטאג, סעפטעמבער 28

טעג־טאג פון וופג. טשאפטער הדסה

לייען־קרייז פון מוטער־פאראיין פון פרץ שול (שלום אשעס "מאסקווע") ביי מרס. פאזין, 486 באקאוס עווע. 2 נ.מ.

טיי פון באבראווער פרויען סאס. ביי מרס. באטקין, 250 סעלקירק. 2—12.

דר. וויקטאר ביי פארזאמ. פון מיר־טשאל אייר אכן, 8.30 נ. מ. אין פאלקס־שול.

ערשטע מאנאטלאכע פארזאמ. פון סעזאן פון קאונסיל אף דזשואיש וויימען, 2.30 נ. מ. אין ראיאל אלעקס. האטעל. ע. וו. מאנטגאמערי, געזונט־הייט מיניסטער, וועגן קינפעטערינס שטערבלאכקייט אין לאנד.

דינסטאג, סעפטעמבער 29

מ. בלאשטיין ביי פראגרעסיווע פרויען פאר., 8.30 אוו., אין פרץ אינסט.

שמחת־בית־השואבה ביי פרויען קולטור פארב. און מוטער פאראיין פון ת"ת, אין ת"ת.

דזשעלי, פרעזערוו און גראסערי שאוער פאר בית־יתומים, 2—11 אין ת"ת

מיטגליד, טיי פון פוע"צ פיאנערן פרויען קלוב ביי מרס. סיגאל, 439 סט. דזשאנס עווע., 2 ביז 9 נ. מ.

יערלאכע טיי פון מוטער־פאראיין א. ר. פ. ט. שול ביי מרס. יאנאווסקי, 394 סעלקירק עווע. סוויט 1 פון 2.30 ביז שפעט.

פארוויילונג ביי יונגע הבונים, 8.30 נ. מ. אין ציון זאל.

מיטוואך, סעפטעמבער 30

טיי פון לידיס אקז. פון לינת־הצדק ביי מרס. ש. פעלדמאן, 503 דאפערין עוועניו, 2.30 ביז שפעט.

אלגעמ. פארזאמ. פון וויניפעג הדסה, 8.30 נ. מ. אין ציון זאל.

פארזאמ. פון בנות־שלום, 8.30 נ. מ. אין קליינער ת"ת.

פארזאמ. און נאמינאציעס פאר די ערשטע באאמטע פון וואלינער לאנדסמאנשאפט, 8 אוונט, אין ת"ת.

דאנערשטאג, אקט. 1

שמחת בית השואבה און סיום אין אשכנזי שול, 8 נ. מ.

פרייטאג, אקטאבער 2

"ארץ־ישראל אוונט" 8.30 נ.מ. אין ציון זאל. פראג. א"י גרוס פון העסטרין "ווין און לאנדאן". לעקציע ביי לינקע פוע"צ, 8.30 נ. מ. אין פרץ־אינסט.

זונטאג, אקט. 4

יערלאכער טאנץ פון יונגע הבונים, אין ציון זאל.

פראנצויזיש-סאוועטישער אפמאך באלד פארטיק

פאריז, סעפט. 25.— דא ווערט באריכטעט, אז די פארהאנדלונגען צווישן פראנקרייך און סאוועטן פארבאנד וועגן א האנדלס אפמאך מאכן גוטן פארשריט, און דער אפמאך וועט אינגיכן זיין פארטיק.

ארבעטסלאזיקייט עטוואס פארקלענערט אין אלבערטא

קאלגארי, אלט., סעפט. 25.— פון א באריכט פון דער "עמפלאימענט סערוויס" איז צו זען, אז די צאל ארבעטסלאזע אין אלבערטא איז עטוואס פארקלענערט געווארן פאר'ן לעצטן חודש. ארום סעפט. 15טן זיינען אין דער פראווינץ געווען 9,049 ארבעטסלאזע, — מיט 165 ווייניקער, ווי מיט א חודש פריער.

הנוער העובד "חלוצים יאריד" מארגן

דער הנוער העובד "חלוצים יאריד" עפנט זיך מארגן אין ציון זאל, און וועט פארגעזעצט ווערן זונטאג. עס איז דא א גוטער סטאק סחורות צו פארקויפן אויף ביליקע פרייזן, און אויך מוזיק, טענץ און פארוויילונגען.

קורס אין ארב. באוועגונג

דער מוטער פאראיין פון ארב. רינג פרייהייט־טעמפל שול בעט אונז צו מעלדן, אז א קורס וועגן ארבעטער באוועגונג וועט אנגעפירט ווערן פון מ. בלאשטיין יעדן מיטוואך, פון 2 ביז 4 נאכמיטאג אין פרייהייט טעמפל. אלע זיינען איינגעלאדן.

קערט זיך אום קיין ניו-יארק

ליזא ראטשטיין איז אפגעפארן דינסטאג אינדערפרי קיין מאנטרעאל און פון דארטן קיין ניו־יארק. זי בעט אונז איבערגעבן א זיי־געזונט צו אלע אירע פריינט און באקאנטע אין וויניפעג און מערב קאנאדע.

לעקציע אין פרייהייט טעמפל זונטאג

דעם זונטאג, 8.30 אוונט, וועט די באוואוסטע רעדנערין, עני בולער, פון טאראנטא, האלטן א פארטראג אין פרייהייט־טעמפל איבער דעם לעצטן צוזאמענפאר פון צווייטן אינטערנאציאנאל. די לעקציע ווערט דורכגעפירט אונטער'ן אויפזיכט פון ארבעטער הילף געזעלשאפט. און זי וועט נאכגעפאלגט ווערן מיט דיסקוסיע.

די קלאסיפיצירטע אנאנסן (וואנט עדס) אין היינטיקער אויסגאבע געפינען זיך אויף דער פינפטער זייט

עסטרייך פייערט 100-יאריקן געבורטסטאג פון ערשטן אידישן דערפינדער פון מאטאר וואגן

ווין, סעפט. 25 (איטא). פארבארייטונגען ווערן דא געמאכט פאר דער פייערונג פונם 100טן געבורטסטאג פון ה' מארקוס, דער בארימטער אידישער דערפינדער, וועלכער איז געווען דער ערשטער אין עסטרייך צו דערפינדן דעם מאטאר־וואגן, פון וועלכן ס'איז ארויסגעקומען דער מאדערנער אויטאמאביל.

די פייערונג וועט דורכגעפירט ווערן מיט דער באטייליקונג פון דער רעגירונג, דער מוניציפאלער פארוואלטונג און דעם היגן מאטאר קלוב.

כאטש דער קליינער שפילציג מאדעל פון דעם ערשטן אויטאמאביל וואס מארקוס האט געמאכט איז פאר יארן געווען אויסגעשטעלט אין ווינער מוזיי, איז זיין נאמען פאקטיש פארגעסן געווארן. איצט האט מען זיך אבער צופעליק דערמאנט אויף אים, ווען עס איז אנגעקומען זיין 100טער געבורטסטאג און אפיציעלע פארשטייער האבן באזוכט זיין קבר אויף דעם אידישן בית עלמין און האבן געלייגט בלומען־קראנצן אויף זיין קבר.

פארבארייטונגען ווערן אויך געמאכט אויפצושטעלן א מאנומענט לכבוד דעם גרויסן דערפינדער אויף איינעם פון די צענטראלע פונקטן אין ווין.

ס. פ. אר. ארבעטער וועלן רעגיסטרירט ווערן מארגן

די לאגע פון די 1,800 ס. פ. אר. ארבעטער אין וויניפעג, אפגעזאגט פון זייער ארבעט, איז באטראכט געווארן אויף דער ספעציעלער זיצונג פון סיטי קאונסיל נעכטן.

עס איז באקאנט געווארן, אז זיי האבן נאך לעצטן ווינטער געארבעט זייער ווייניק, און זייערע דורכשניטלאכע פארדינסטן זיינען געווען זייער נידעריק, אזוי אז איצט זיינען זיי פארבליבן פאקטיש אן מיטלען צום לעבן.

עס איז דערפאר באשלאסן געווארן גלייך צו רעגיסטרירן זיי ווי ארבעטסלאזע, און מארגן (שבת) נאכמיטאג וועט די רעגיסטראציע אפיס זיין ספעציעל אפן צו רעגיסטרירן די אפגעזאגטע ס. פ. אר. ארבעטער.

אזוי ווי צווישן די אפגעזאגטע ס. פ. אר. ארבעטער איז דא א היבשע צאל אידישע, בעט אונז אלד. גרעי צו אנאנסירן, וועגן דער רעגיסטראציע מארגן בייטאג, וואס וועט זיי איינשפארן צו ווארטן אויף זייערע רייעס.

שאך קלוב וואלן דעם זונטאג

זונטאג דעם 27טן סעפטעמבער וועלן די מיטגלידער פון אידישן שאך קלוב אפהאלטן אן אלגעמיינע פארזאמלונג זיבן אזייגער נאכמיטאג אין דעם קלוב צימער.

עס וועלן דורכגעפירט ווערן אלגעמיינע וואלן, און פלענער פארן קומענדיקן סעזאן וועלן געמאכט ווערן. אלע מיטגלידער זיינען געבעטן צו קומען אין צייט.

שבת אוונט, דעם 3טן אקטאבער, וועט זיך אנפאנגען דער שאך טורנאמענט פאר דער אידישער שאך קלוב טשעמפיאנשיפ. דער געווינער פון דער טראפי פאר 1930, איז א. העלמאן.

פרץ-שול בודזשעט קאמפיין עפנט זיך מיט באנקעט דעם זונטאג

ב. שעפס, פארזיצער פונ'ם בודזשעט קאמפיין

דער יערלאכער בודזשעט קאמפיין פון דער פרץ שול עפנט זיך מיט א באנקעט דעם זונטאג אוונט, סעפט. 27טן. דער באנקעט וועט זיך אנפאנגען פונקט זיבן אוונט, און דער עולם איז דרינגענד געבעטן צו קומען אין צייט.

אויסער א גוטער וועטשערע מיט משקאות וואס וועט סערווירט ווערן פאר דעם עולם, וועט אויך דורכגעפירט ווערן א שיינע נייע פראגראם, אונטער דער לייטונג פון ב. שעפס, פארזיצער פונ'ם אוונט און פונ'ם בודזשעט קאמפיין. אויסער דעם וועט דער יונגער קינסטלער פאול טאובמאן ביישטייערן אייניקע פיאנא נומערן, און דאס וועט זיין די איינציקע געלעגנהייט פונ'ם היגן אידישן עולם צו הערן אים אויף זיין איצטיקן באזוך, ווייל אין א פאר טעג ארום פארט ער אפ צוריק קיין ניו־יארק פארצוזעצן זיינע שטודיום אין קאנסערוואטאריע.

אלע זיינען הארציק איינגעלאדן צו דעם באנקעט.

דער צוועק פונ'ם קאמפיין איז צו שאפן אמווייניקסטנס פינף טויזנט דאלאר צו דעקן דער שולס דעפיציט, וואס זיינען באזונדערס שווער דאס יאר צוליב דעם קריזיס און דער גרעסערער צאל קינדער אן שכר־למוד, אדער מיט ווייניק שכר־למוד.

אויסער'ן שכר־למוד, איז דער בודזשעט דער וויכטיקסטער און פאקטיש דער איינציקער גרעסערער קוואל פון הכנסה פאר דער שול, און גרויסע אנשטרענגונגען וועלן דאס יאר געמאכט ווערן צו שאפן די פולע סומע פונ'ם בודזשעט, כדי די שול זאל קאנען אנגיין נארמאל מיט איר ארבעט און צאלן די לערער זייערע שוין אזוי אויך רעדוצירטע געהאלטן.

אמעריקע זוכט אויסצוגלייכן סכסוך צווישן כינע און יאפאן

זשענעווא, סעפט. 25.— א נאטע פון דער רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאטן צו דער פעלקער ליגע אנאנסירט, אז די אמעריקאנער רעגירונג האט באשלאסן אריינצומישן זיך ווי א בורר מיט'ן צוועק אויסצוגלייכן דעם ערנסטן סכסוך צווישן כינע און יאפאן.

לויט ווי די נאטע ווערט אויסגעטייטשט, איז אמעריקע גרייט, אויב דאס איז נויטיק, האנדלען סיי אליין, סיי צוזאמען מיט דער פעלקער־ליגע, אין א פרוו אויסצוגלייכן דעם סכסוך.

די ליגע האט אויך געקראגן א קאמוניקאט פון דער כינעזישער רעגירונג, וואו זי לאזט וויסן אז זי נעמט אן אן וועלכע ס'איז רעזערוואציעס דעם פארשלאג פון דער ליגע, אז ביידע צדדים זאלן צוריקציען זייערע טרופן פון די סכסוך געביטן אין מאנדזשוריע און זיי זאלן גארנישט ניט טאן צו מאכן ערנסטער די לאגע.

האנג־קאנג, סעפט. 25.— ראיאטן זיינען נעכטן אויסגעבראכן אינ'ם וואנטשאי דיסטריקט, וואו דער המון איז איבערגעפאלן יאפאנעזישע געשעפטן, צעשמעטערט די פענסטער און טוענדיק אנדערע שאדנס.

די יאפאנעזישע איינוואוינער פונם דיסטריקט האבן געהאנדלט פארזיכטיק, אזוי אויסמיידנדיק צוזאמענשטויסן. די פאליציי האט צום סוף צעטריבן דעם המון.

באריכט פון י. העסטרין פון 17 ציונ. קאנגרעס און פון ארץ ישראל, דינסטאג סעפטעמבער 29 8.30 אוונט אין ציון זאל